בס"ד

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' ראה
תשפ"ב לפ"ק
גליון קל"ב



## פראגע

### וויאזוי קענען מיר זאגן "ברוך אתה" צום אויבערשטן? ווייזט עס נישט א חסרון אין כבוד ווען מיר דרוקן זיך אויס "דו" צו השי"ת?

## ענטפער:

איר דארפט פארשטיין אז דער אויבערשטער קוקט אראפ פון די הימל – ממש יעצט קוקט ער אראפ – צו זען אויב עמיצער טראכט וועגן אים. און ווען איר זאגט "דו" צו השי"ת, איז דער אויבערשטער תיכף אינטערעסירט אין דיר. ווען איר זאגט "דו" און איר טראכט וואס איר זאגט, מאכט איר דעם אויבערשטן **עכט** און **ממשיות'דיג** אין אייער מח. און דאס איז וואס דער אויבערשטער וויל פון אייך.

מען זאגט "אתה" – "דו"! איר רעדט מיט'ן אויבערשטן און ער הערט אייך אויס. אויסדרוקליך, ער הערט זיך צו! אתה שומע! דו הערסט צו. לייגט דאס אריין אין אייערע ביינער, אין אייער בלוט. מיר האבן אלע נארישקייטן פון די דרויסנדיגע וועלט וואס פרובירן ארויסנעמען דעם אויבערשטן פון אונזער מח. און מיר שלאגן זיך צוריק קעגן דעם דורכ'ן זאגן **אתה!** דו! מיר זענען דער עם ישראל, און מיר ברענגען אריין דעם אויבערשטן אין דער וועלט. ווי מער מען זאגט דעם אויבערשטנ'ס נאמען, ווי מער מען דאווענט, ווי מער מען רעדט צו אים, אלס מער ברענגען מיר אים אריין אין דער וועלט.

עס איז א וועלט פון רשעות, פון טפשות, היינט – מער ווי סיי-ווען בעפאר. און מיר דארפן די אנוועזנהייט פון השי"ת אויף דער וועלט די מערסטע וואס מעגליך. "אתה ה' לא תכלא רחמיך ממני" – דו באשעפער וועסט נישט צוריקהאלטן דיין רחמנות פון מיר. עס שטייט נישט "השם". עס שטייט "אתה השם" – דו באשעפער. דאס איז וואס השי"ת וויל. ער וויל דו זאלסט אים פילן אין א ממשיות'דיגע וועג. ער וויל דו זאלסט זאגן "דו". אויב דו זאגסט "דו" צום באשעפער, וועט ער זאגט "דו" צו דיר. (E-236)

## פראגע

### איך וואלט געוואלט לערנען "משלי" פון אנהייב ביזן סוף צום ערשטן מאל אין מיין לעבן. קענט איר מיר געבן עפעס אנווייזונגען וויאזוי צוצוגיין צו לערנען דעם ספר?

## ענטפער:

ווען מען לערנט משלי, איז די ערשטע זאך צו זיין קלאר אז משלי ווייסט וואס ער רעדט. ער בטל'ט נישט סתם זיין צייט... און כאטש וואס א פסוק קען צומאל אויסקוקן פשוט, איינפאך, מאך אפ ביי דיר אז עס איז גארנישט דא פשוט אין משלי. דאס איז זייער וויכטיג צו פארשטיין. א קלוגער מענטש רעדט צו דיר – איינער פון די קלוגסטע מענטשן וואס די וועלט האט נאר אמאל געזען. און דערפאר, פרוביר צו פארשטיין די טיפקייט פון זיינע ווערטער.

אסאך מאל וועסטו דארפן די מפרשים דיר ארויסצוהעלפן. סיי-וויאזוי, זאלסטו האלטן פאר די אויגן אז משלי איז אן אוצר פון די טיפסטע חכמה פאר א פראקטישע לעבן.

הגם משלי איז א ספר פון יראת שמים, ווי עס שטייט אנהייב פונעם ערשטן פרק, מוזט איר אבער פארשטיין אז משלי איז אויך **א בוך פאר א סוקסעספולע לעבן**. אויב דו ווילסט זיין גליקליך אין עולם הזה, אויף דער וועלט, דאן איז משלי א וועגווייזער דערצו. עס לערנט דיר וויאזוי צו האנדלען מיט מענטשן און וויאזוי צו האנדלען מיט זיך אליינס צו לעבן הצלחה'דיג אויף דער וועלט.

עס זענען דא אזוי פיל דיאמאנטן אין משלי. עצות וויאזוי צו היטן דאס געזונט, וויאזוי צו היטן פארמעגנס, דיין געלט, וויאזוי זיך דורכצוקומען מיט יעדן איינעם – דיין ווייב, דיינע קינדער, דיינע שכנים, דיינע פיינט. און ס'איז א בושה אז אזויפיל

מענטשן מאכן זיך צייט צו ליינען אלעס אנדערש – צייטונען, מאגאזינען און אזויפיל אנדערע מיסט, אבער פאר משלי האבן זיי נישט קיין צייט.

אודאי, די סאמע וויכטיגסטע עצות איז וויאזוי זיך אויסצוקומען מיט הקב"ה. אבער משלי איז אויך פול מיט קלוגע עצות וואס וועט אייך העלפן לעבן מיט הצלחה אין עולם הזה. און מיט'ן וויסן דאס אלעס, וועט איר צוגיין צו דעם ספר מיט אן אנדערן צוגאנג. און דאס זאל זיין אייער ערשטע שטאפל אין לערנען דעם ספר משלי. (636)

## פראגע

### וויאזוי זאלן מיר פראווען חמשה עשר באב?

## ענטפער:

ערשטנס כל דורכ'ן זאגן "ברוך אתה השם המעריב ערבים" – געלויבט ביזוט באשעפער פאר די נאכט! ווי וואונדערבאר איז צו האבן די נאכט! נאכט-צייט איז א געוואלדיגע ברכה; מען דארף שטודירן די נאכט. ס'איז נישט סתם א העדר פון טאג. ניין! "בחכמה פותח שערים ובתבונה משנה עתים" – דער נאכט איז באשאפן מיט חכמה. איז הייב אן צו שטודירן די וואונדער פון די נאכט.

און מארגן אינדערפרי זאג, "ברוך אתה השם יוצר המאורות" – א דאנק באשעפער פאר די זון. און ביי פרישטאג, זאג "בחן בחסד וברחמים" – ער גיט אונז שפייז מיט טעמים, מיט קאלירן און געשמאקע ריחות. עסן איז א געשמאק! דאנק אים פאר די עסן. און אזוי ווייטער און ווייטער דורכאויס'ן טאג.

און דאס איז א גוטע וועג צו פייערן חמשה עשר באב, און אויך ששה עשר באב, און שבעה עשר באב! יעדן טאג אין אב און אויך יעדן טאג אין אלול.

## פראגע

### וויאזוי זאל א חתן אויסנוצן די שעות פון די טאנצן און סעודות דורכאויס די שבעת ימי המשתה?

## ענטפער:

דער אמת איז אז ס'איז זייער א גוטע שאלה. אסאך מאל איז עס א מורא'דיגע שאד אויף די צייט, און אייגנטליך איז עס לאנגוויילינג...

אבער דער חתן דארף איין זאך וויסן - צווישן אנדערע זאכן – אז ווען עס קומט פאר א חתונה צווישן א אידישע בחור און מיידל טוט זיך א **רעש בשמים**, א מורא'דיגע טומל! איי איי איי, מזל טוב!! דער אויבערשטער איז מער פרייליך ווי מיר קענען זיך פארשטעלן. "מי מנה עפר יעקב!" ווער ציילט די שטויב פון יעקב, "ומספר את רובע ישראל." דער אויבערשטער ציילט, ער ציילט די קינדער, ער ציילט די שידוכים. הקב"ה וויל גארנישט מער ווי א ריבוי פון אידן, אז דער עם ישראל זאל זיך פארמערן און פארטאפלען.

און ווען ער זעט אז עס קומט פאר א חתונה, איז הקב"ה דער גרעסטער פון אלע מחותנים, ער איז אונטער די חופה; "איש ואשה שזכו", און ס'איז שלום ביניהם - אונטער די חופה איז דאך אודאי שלום – "שכינה ביניהם" די שכינה איז דארט.

מיר זענען אבער נישט באוואסטזיניג דערצו, דעריבער הייבן מיר אן צו מאכן א גערודער, מען רופט מוזיקאנטן און מען טאנצט, מ'מאכט א רעש כדי צו ווייזן אז ס'איז זייער א וויכטיגער געשעעניש.

"מקולות מים רבים אדירים" – פון די קולות פון די ימים דא אונטן, פארשטיי איך אז "אדיר במרום השם!". ווען מען זעט א רעש פון די חתונה איז עס א קליין ביסל, א קול דממה דקה פון די רעש בשמים. דער חתן זאל זיך מתבונן זיין, קוק ווי וויכטיג דיין חתונה איז, מיין נישט ס'איז א קליינע זאך, דו וואלסט געקענט גיין אין עפעס א קליין פלאץ, מיט א קליינע מנין און חתונה האבן, ניין! מ'מאכט א גרויסע פרסום! ס'איז זייער וויכטיג, חתונה האבן איז זייער א וויכטיגע געשעעניש.

און פון יעצט אן דארפסטו צולייגן קאפ, דו דארפסט זען צו מאכן א הצלחה'דיגע לעבן פון דיין חיי הנישואין אין יעדע וועג. דיין עבודת השם וועגד זיך אין דעם, דיין עולם הבא וועגד זיך אין דעם. יעדע ווארט וואס דו רעדסט ארויס פון מויל דארף זיין געוואויגן און געמאסטן; אלע דיינע כוונות זאלן זיין לשם שמים, טראכט אז דו ווילסט חתונה האבן יעצט "להעמיד אומה עובדת את השם" (רמב"ם מורה נבוכים), איופצושטעלן א פאלק וואס דינט דעם אויבערשטן. עס פארלאנגט אסאך מחשבה.

און דערפאר, בשעת דו הערסט די אלע קולות, לאז זיי ווערן באאיינדרוקט פון די מוזיק, געוויסע פון זיי גייען ווילד, זיי האבן אביסל פאן. פארוואס נישט? ס'איז כשר'ע פאן. אבער דער חתן זאל צוהערן און ווערן באאיינדרוקט מיט די גרויסקייט פון די געשעעניש וואס געשעט יעצט. (E-085)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב